STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02617

ATTALEA PRINCEPS

V. M. Garshin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ו. גארשין.

ATTALEA PRINCEPS.

(א געשיכטע פון א פאלמע).

פון רוסיש—נחמן.

פארלאג
„קולטור-ליגע"
ביאליסטאק.

1921.

פּאַלעס-
טיינער
ראיאָן
קולטור
ליגע

Attalea Princeps.

אין אַ גרויסער שטאָט איז געווען אַ באָ-
טאַנישער גאָרטן. אין גאָרטן איז געשטאַנען אַ
גרויסע, גרויסע אראַנזשערײַ פֿון אײַזן און גלאָז.
די אָראַנזשערײַ איז געווען זייער אַ שײנע;
שלאַנקע געדרײטע זײַלן האָבן אונטערגעהאַלטן
דעם גאַנצן בנין; פֿון איין זײַל צום צווייטן
זײַנען געווען אַריבערגעוואָרפֿן לײַכטע געמוס-
טערטע אַרקעס, דורכגעפֿלאָכטן מיט אַ גאַנצער
נעץ פֿון אײַזערנע פֿארגלאָזטע ראַמען. באַזונדער
שײן איז די אָראַנזשערײַ געווען בעתן זון-אונ-
טערגאַנג, ווען זי פֿלעגט זײַן באַלויכטן מיט אַ
רויטן ליכט. דאמאלסט איז די אָראַנזשערײַ
אינגאַנצן געשטאנען אין פלאַמען; רויטע אָפּ-
גלאַנצן פֿלעגן שימערן און פֿינקלען אין איר,

פונקט ווי אין אַ גרויסן, דין-געשליפענעם דימענט.

דורך די גראָבע דורכזיכטיקע שויבן האָבן זיך געזען די איינגעשלאָסענע געוויקסן. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אָראַנזשערייִ איז געווען אומגעהייער-גרויס, איז דאָרט די געוויקסן געווען אייִנג. די וואָרצלען האָבן זיך איבערגעפלאָכטן צווישן זיך, און איינער ביים אנדערן האָבן זיי צוגענומען די פייכטקייט און די נאַרונג. די צווייגן פון די בוימער האָבן זיך געפלאָנטערט אין די גרויסע פּאַלמען-בלעטער, האָבן זיי געבויגן און געבראָכן און, איינשפּאַרנדיק זיך אין די אייזערנע ראַמען, פלעגן זיי זיך אַליין בויגן און ברעכן.

די גערטנער האָבן שטענדיק געהאַט צוטאָן מיטן אַרומשניידן די צווייגן, אונטערבינדן די בלעטער מיט דראָטן, כדי זיי זאָלן זיך ניט קע-

נען צושפּרייטן, וואו זיי ווילן; נאָר דאָס האָט ווייניק־וואָס געהאָלפֿן. די נעוויקסן האָבן זיך גע־ נויטיקט אין רחבות, אין היימישער לופֿט און אין פֿרייהייט. זיי האָבן אַלע געשטאַמט פֿון די הייסע לענדער; צאַרטע, פּראַכטפֿולע באַשעפֿענישן, האָבן זיי נאָר געקלערט וועגן זייער היימלאַנד און שטאַרק געבענקט נאָך איר. ווי דורכזיכטיק דער גלעזערנער דאַך זאָל ניט זיין, איז ער ניט דער קלאָרער הימל. אַמאָל, ווינטערצייט, פֿלעגן די שויבן פֿאַרפֿרוירן ווערן, און אין דער אָראַנ־ זשעריי פֿלעגט ווערן אינגאַנצן פֿינסטער. דער ווינט פֿלעגט ברומען, און קלאַפּן אין די ראַמען, דער דאַך פֿלעגט זיך באַדעקן מיט גראָב־אָנגע־ שאָטענעם שניי.

פֿלעגן שטיין דאַמאָלסט די נעוויקסן, זיך צוהערן צום וואָיען פֿון ווינט, און ס'פֿלעגט זיך זיי אַן אַנדער ווינטעלע דערמאָנען, אַ וואַרימער,

אַ פֿײַכטער, אַ חיותדיקער, וואָס פֿלעגט זיי ברײַנגען געזונט און לעבן. פֿלעגט זיך זיי וועלן ווידער־אַמאָל דערפֿילן דעם הויך זײַנעם, ער זאָל אַ ווינט טאָן די צווײַגן זײַערע, אַ שפּיל טאָן זיך מיט זײַערע בלעטער. נאָר די לופֿט אין דער אָראַנזשערײַ איז געווען אַ פֿאַרגליווערטע, סײַדן אַ ווינטערדיקע זאַווערוכע פֿלעגט אַמאָל אויסהאַקן אַ שויב. פֿלעגט זיך דאַן אַ שנײַדיק־קאַלטער, פֿראָסטיקער שטראָם אַרײַנרײַסן אונטערן געוועלב, און וווּ דער שטראָם האָט געטראָפֿן, פֿלעגן די בלעטער בלאַס ווערן, זיך אײַנקאָרפּען און פֿאַרוועלקן.

די שויבן פֿלעגן אָבער גיך אַרײַנגעשטעלט ווערן. מיטן באָטאַנישן גאָרטן האָט פֿאַרוואַלטעט אַן אויסגעצייכנטער געלערנטער דירעקטאָר, און ער האָט ניט דערלאָזן צו קיין שום אומאָרדע־נונגען, הגם דאָס רוב צײַט פֿלעגט ער זײַן

פארנומען בײַ אַ מיקראָסקאָפּ אין אַ באַזונדער גלעזערנער בײַדל, וואָס איז געשטאנען אין דער הויפּט־אָראַנזשעריי.

צווישן די געוויקסן איז געווען אײנע אַ פּאַלמע, העכער און שענער פון אַלע איבעריקע. דער דירעקטאָר, וואָס פלעגט זיצן אין בײַדל, האָט איר גערופן אויף לאטיין — Ottalea — נאָר דאָס איז געווען ניט דער אמתער נאָמען אירער: אים האָבן די באָטאניקער צוגעטראַכט. ווײַל דעם הײמישן נאָמען אירן האָבן זײ ניט געוואוסט.

אײנמאָל איז אין גאָרטן געקומען אַ מענש פון יענער הײסער לאַנד, וואו די פּאַלמע איז אויסגעוואקסן. דערזעען די פּאַלמע, האט ער אַ שמײכל געטאן, ווײַל זי האָט אים אן זײַן הײמ־לאַנד דערמאנט.

— אָ!—האָט ער אויסגערופן מיט שמחה, [illegible] — אזי ער האט

אָנגעֶרופֿן דעֶר פּאַלמעֶ בײַ איר הײַמישן נאָמעֶן.

— זײַט מוחל,—האָט אַ געֶשרײַ געֶטאָן צו אים פֿון בײַדל דעֶר דירעֶקטאָר, וואָס האָט גראָד געֶהאַלטן אינמיטן אויפֿשנײַדן עֶפּעֶס אַ שטײַנ־געֶלעֶ;—איר האָט אַ טעות. אַזאַ בוים, וואָס איר רופֿט אָן, איז אויף דעֶר וועֶלט ניטאָ. דאָס איז Attalea Princeps, זי שטאַמט פֿון בראַזיליעֶ.

—יאָ,—האָט געֶעֶנטפֿעֶרט דעֶר בראַזיליאַנעֶר —איך גלויב אײַך. די באָטאַניקעֶר רופֿן איר טאקעֶ Attalea, אָבעֶר זי האָט אויך איר אמתן, הײַמישן נאָמעֶן.

— דעֶר אמתעֶר נאָמעֶן איז דעֶר, וואָס עֶס גיט אים די וויסנשאַפֿט,—האָט טרוקן געֶזאָגט דעֶר באָטאַניקעֶר און האָט פֿאַרמאַכט די טירל פֿון זײַן בײַדל: זאָלן אים ניט שטעֶרן מעֶנשן, וואָס פֿאַרשטײעֶן ניט, אַז ווען עֶס זאָגט עֶפּעֶס אַ מעֶנש אַ געֶלעֶרנטעֶר, דאַרף מעֶן אים אויס־

הערן און פֿאָלגן.

דער בראַזיליאַנער איז לאַנג געשטאַנען און געקוקט אויפֿן בוים, און אים איז געוואָרן אלץ אומעטיקער און אומעטיקער. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין היימלאַנד, אָן איר זון און הימל, אָן אירע פּראַכטפֿולע וועלדער מיט די װעלטענע חיות און פֿויגלען, אָן אירע מדבריות, אָן אירע זעלטן־שיינע דרומדיקע נעכט. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אז ער האָט שוין די גאנצע וועלט דורכגעריזט און אין ערגיץ איז ער ניט געווען גליקלאַך, אויסער אין זיין איינן לאַנד. ער האָט אָנגערירט די פּאַלמע מיטן האַנט, ווי ער וואָלט זיך וועלן זעגענען מיט איר, און איז אוועק פֿון גאָרטן. אויפֿן צווייטן טאָג איז ער שוין געפֿאָרן אויף אַ שיף אין זיין היים אַריין.

און די פּאַלמע איז געבליבן. איר איז איצט געוואָרן נאָך שווערער, הגם אויך ביז דער באַ־

גענעניש איז איר געווען געגוג שווער. זי איז געווען איינזאַם. אויף פינף קלאַפטער האָט זי זיך אויפגעהויבן איבער אלע איבעריקע געוויקסן. די געוויקסן האָבן איר דערפאַר ניט ליב געהאַט, האָבן איר מקנא געווען און געהאַלטן פאַר אַ בעל-גאוה. דער דאָויקער וואוקס האָט איר נאָר צרות פאַרשאַפט; חוץ דעם, וואָס אלע זיינען געווען צוזאמען און זי—איינע אליין,—האָט זי בעסער פון אַלעמען געדיינקט אָן איר הימישן הימל און מער פון אַלעמען געבענקט נאָך אים, ווייל זי איז נענטער פון אַלעמען געווען צו דעם, וואָס האָט איר אים פאַרביטן: צום העסלאַכן גלעזערנעם דאַך. דורכן דאַך פלעגט זי זען אמאָל עפּעס אַ בלויז: דאָס איז געווען דער הימל; אַ פרעמדער, אַ בלאַסער, דאָך אַן אמתער, בלויער הימל. און ווען די איבעריקע געוויקסן פלעגן צווישן זיך פאַרברייננען און

פלוידערן, האָט Attalea שטענדיק געשוויגן, געבײַנקט און געקלערט נאָר דערפֿון, ווי גוט וואָלט עס געווען אונטערצושטײַן אַביסל כאָטש אונטער דעם מאָזיקן בלאָסן, נעבאַכדיקן הימל.

—זאָגט נאָר, כ׳בעט אײַך, נאָך לאַנג וועט מען אונז ניט באַגיסן? — האָט געפֿרעגט די סאַגאָ-פּאַלמע, וואָס האָט זייער ליב געהאַט פֿײַכטקייט.—בנאמנות, כ׳וועל הײַנט פֿאַרטריקנט ווערן.

— ס׳איז מיר אַ וואונדער אויף אײַך, שכנטע, — האָט געזאָגט דער גראָב-בײַכיקער קאַקטוס—צו דען איז אײַך ווייניק אַזאַ ים וואַסער, וואָס מען גיסט אויס אויף אײַך יעדן טאָג? גיט אַ קוק! מיר גיט מען אַ קליין טראָפּעלע, פֿונדעסטוועגן בין איך פֿריש און זאַפֿטיק.

— מיר זײַנען ניט געוויינט צו שפּאָרן, — האָט געענטפֿערט די סאַגאָ-פּאַלמע,—מיר קענען

ניט וואַקסן אויף אַזאַ טרוקענע נישטיקע ערד, ווי אַ ליאַדע קאַקטוס; מיר זײַנען ניט געוווינט צולעבן אַבי-ווי. און אַ חוץ אַלעמען בעט איך אײַך ניט צו מאַכן קײַן באַמערקונגען.

אָפּגעזאָגט דאָס דאָזיקע, איז די סאַגאָ-פּאַלמע אַנטשוויגן געוואָרן אַ באַליידיקטע.

— וואָס ס׳איז שייך מיר,—האָט זיך אַרײַנ-געמישט אַ צימערונג-בוימל,—בין איך כמעט צופרידן מיט מײַן לאַגע. ס׳איז דאָ אַפּילו אַביסל אומעטיקלאַך, דערפאַר בין איך לפּחות זיכער אַז קיינער וועט מיר דאָ ניט אַרומצופּן.

— ניט אונז אַלעמען פּלעגט מען דאָך אַרומצופּן,—האָט זיך אָנגערופן דער בוימאַרטי-קער פּאַפּאָראָטניק.—געוויס, פאַר אַ סך קען אַפּילו די דאָזיקע תפיסה אויסזען ווי אַ גן-עדן נאָך אַזאַ נישטיקן לעבן, וואָס זיי האָבן פאַר-בראַכט אויף דער פרײַהייט.

דאָס האָט דעם צימערונג־בוימל שטאַרק באַליידיקט און ער האט זיך אָנגעצונדן. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז מען פלעגט אים אַמאָל אַרומצופן, און האָט זיך גענומען קריגן. אַ טייל געוויקסן האָבן געהאַלטן מיט אים, אַ צווייטע טייל—מיטן פאַפּאָראָטניק, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע קריגעניש. ווען זיי זאָלן זיך קענען באַוועגן, וואָלטן זיי זיך געווים צושלאָגן.

— צו וואָס קריגט איר זיך?—האָט זיך אַריינגעמישט Attalea.—צו דען וועט איר דער־מיט עפּעס העלפן? איר וועט דאָך נאָר גרעסער מאַכן אייער אומגליק מיט דער דאָזיקער אויפרעגונג און שנאה. לאָזט צורו אייערע קריגערייען. און לאָמיר בעסער אַ קלער טאָן וועגן אונזער לאַגע. הערט אוים מיין עצה: לאָמיר אַלע נעמען, וואַקסן העכער און ברייטער, צושפּרייטן אונזערע צווייגן, זיך איינשפּאַרן אין די ראַמען און שויבן;

אונזער אָראַנזשערײַ װעט זיך צושיטן אויף פּיצלאַך און מיר װעלן אַרויסגײן אויף דער פרײַהײַט. זאָל אײנער אַ צװײַגל זיך אײַנשפּאַרן אין אַ שויב, װעט מען אים, פֿאַרשטײט זיך, אָפּשנײַדן, נאָר װאָס װעט מען מאַכן מיט הונדערט שטאַרקע, דרײסטע שטאַמען? לאָמיר נאָר אַרבעטן צוזאַ־מען, און דער נצחון איז אונזערער.

אין אָנהויב האָט דער פּאַלמע קײנער ניט געענטפֿערט. אַלע האָבן געשװיגן און ניט געװוסט װאָס צו זאָגן; ביז די סאַגאָ־פּאַלמע האָט זיך באַשלאָסן:

— דאָס איז אַלץ נאַרישקײַטן,— האָט זי דערקלערט.

— נאַרישקײַטן! נאַרישקײַטן!— האָבן אונ־טערגעכאַפּט די איבעריקע בוימער, און אַלע צו־זאַמען האָבן זײ גענומען דערװײַזן Attalea, אַז דאָס װאָס זי לײגט פֿאָר, איז אַ גװאַלדיקע שטותערײַ

—ס׳איז אַ ניט דערגרייכבאַרער חלום,— האָבן זיי געשריען,—שטותעריי! אומזין! די ראַמען זיינען פעסטע און מיר וועלן זיי קיין מאָל ניט בייקומען. און ווען אַפילו יע, איז וואָס? וועלן קומען מענשן מיט מעסערס און מיט העק וועלן אָפּהאַקן די צווייגן, פאַרריכטן די ראמען און אַלץ וועט צוריק ווערן ווי געווען. מירן גע־ווינען ניט מער דאָס, וואָס מ׳וועט אָפּהאַקן פון אונז גאַנצע שטיקער...

— נו, ווי איר ווילט אייך!— האָט געענטפערט Attalea.—איצט ווייס איך, וואָס איך האָב צו טאָן. כ׳לאָז אייך צורו: לעבט אייך, ווי איר ווילט. וואָרטשעט איינער אויפן צווייטן, קריגט אייך איבער דער ביסל געשייינקטן וואסער און פאַר־בלייבט דאָ אויף אייביק אונטער דעם גלעזערנעם דאַך. איך וועל שוין אַליין מיין וועג געפינען. איך וויל זען דעם הימל און די זון ניט דורך

די גראַטעס און שויבן—און כ׳וועל זיי זען!

און די פאלמע האָט שטאָלץ ארומגעקוקט מיט איר גרינער קאָפּ אויפן וואלד פון אירע חברטעס, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אונטער איר. קיינער פון זיי האָט ניט געהאט די העזה צו זאָגן אַ וואָרט אַנטקעגן; נאָר די סאַגאָ-פּאַלמע האָט שטיל אַ זאָג געטאָן צו איר שכנטע, דער ציקאדע:

— נו, נו, מירן זען, ווי מ׳וועט עס דיר אָפּשנייַדן די גרויסע נארישע קאָפּ דיינע, דו זאָלסט ניט צופּיל האלטן פון זיך, דו בעל-גאווהניצע!

די איבעריקע, הגם זיי האָבן געשוויגן, זייַנען אויך געווען אין כעס אויף Attalea פאר אירע שטאָלצע רייד. נאָר איין קליינינקער גרעזע-לע האָט ניט געהאַט קיין פאראיבל אויף דער פאלמע און האָט זיך ניט געפילט באַליידיקט. דאָס איז געווען דער סאמע נעבאכדיקער און

פֿאַראַכטעטער צווישן אַלע אראנזשעריי־געוויקסן:
אַ שוואכינקער, בלאַסינקער קריכעדיקער גרעזל
מיט וועלקנדיקע גראָבינקע בלעטעלאַך. קיין
שום באזונדערקייטן איז אין דעם גרעזל ניט
געווען, און אין אָראַנזשעריי פלעגט מען אים
באַנוצן נאָר כּדי צו פֿאַרדעקן די הוילע ערד. ער
האָט אַרומגענומען מיט זיך דעם צופוסן פון דער
גרויסער פּאַלמע, זיך צוגעהערט צו אירע רייד,
און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז גערעכט.
דער גרעזעלע איז מיט דער דרום־נאַטור ניט
געווען באַקאַנט, נאָר אויך ער האָט ליב געהאַט
לופט און פרייהייט. די אָראַנזשעריי איז אויך
פֿאַר אים געווען אַ תּפיסה.

—„מה־דאָך איך, אַזאַ נישטיקער פֿאַרוועלק־
טער גרעזעלע, לייד אַזוי פֿיל אָן מיין גרויאינקן
הימל, אָן דער בלאַסער זון און קאַלטן רעגן, טאָ
וויפֿיל מוז עס אויסשטיין אין דער געפֿאַנגענשאַפֿט

אַזאַ שײנער מעכטיקער בוים!״—אַזוי האָט זיך געטראַכט דער גרעזל, דערבײַ האָט ער זיך אַזוי צארט געוויקלט ארום דער פאלמע און זיך געלאַשטשעט צו איר.—„פאַרוואָס בין איך ניט קײן גרויסער בוים? איך וואָלט געפאָלגט דער פאַלמע, וואָלטן מיר צוזאַמען געוואָקסן און צוזאַמען אַרויס אויף דער פרײַהײַט. דאַמאָלסט וואָלטן אויך אַלע איבעריקע דערזען, אז Attalea איז גערעכט״.

דאָס איז אָבער געווען ניט קײן גרויסער בוים, נאָר אַקלײנינקער וועלקנדיקער גרעזל. האָט ער זיך נאָך צארטער ארומגעוויקלט אַרום דער פאַלמעס שטאַם און שטילינקערהײַט אויסגעדריקט איר זײַן ליבע און צוגעוואונשן גליק אין איר פרוון.

— אמת, בײַ אונז איז גאָרניט אַזוי וואַרים, דער הימל ניט אזוי לויטער, די רעגנס ניט אזעלכע מחיהדיקע, ווי אין אײַערע קאַנטן; פונדעסט-

וועגן איז אויך בײַ אונז פֿאַראַן אַ הימל, אַ זון, און אַ ווינט... בײַ אונז איז ניטאָ אַזעלכע פּראַכט־פֿולע געוויקסן, ווי איר און אײַערע חברטעס, מיט אַזעלכע גרויסע בלעטער און אַזעלכע שיינע בליאַכצן; נאָר אויך בײַ אונז וואַקסן גאַנץ גוטע בוימער—סאָסנעס, יעגלעס, בעריאָזעס. איך בין אַ קליין גרעזעלע און וועל זיך שוין קיינמאָל ניט אַרויסקריגן אויף דער פֿרײַהייט. איר אָבער זײַט דאָך אַזוי גרויס און שטאַרק! אײַער שטאַם איז שטײַף, און איר האָט שוין גאָרניט קיין סך צו וואַקסן ביזן גלעזערנעם דאַך. איר וועט אים געוויס דורכברעכן און אַרויסגיין אויף דער פֿרײַער וועלט. דאַן זאָלט איר מיר דערציילן צי איז דאָרט אַלץ נאָך אַזוי שיין ווי פֿריער. איך וועל שוין דערמיט אַליין זיך באַנוגענען.

— פֿאַרוואָס זשע, קליינינקער גרעזעלע, ווילסטו ניט אַרויסגיין צוזאַמען מיט מיר? מײַן

שטאַם איז שטײַף און שטאַרק: שפּאַר זיך אָן אויף אים און קריך איבער מיר. כ׳וועל דיר גאַנץ לײַכט אויסהאַלטן.

— ניין, ווי קום איך דערצו! גיט אַ קוק, ווי שוואַך און פֿאַרוועלקט איך בין. איך קען אפילו מיט קיין בלעטעלע ניט אַ ריר טאָן. ניין, ווי קום איך אײַך פֿאַר אַ חבר! וואַקסט און זײַט גליקלאַך. נאָר כ׳בעט אײַך, ווען איר וועט אַרויס־גיין אויף דער פֿרײַ, דערמאָנט זיך אַמאָל אָן אײַער קליינינקן פֿרײַנט!

דאַן האָט די פּאַלמע גענומען וואַקסן. נאָך פֿריער פֿלעגן די באַזוכער פֿון דער אָראַנזשערײַ באַוואונדערן איר געוואַלדיק־גרויסן וואוקס; איצט איז זי מיט יעדן חודש געוואָקסן אַלץ העכער און העכער. דער דירעקטאָר פֿון באָטאַנישן גאָרטן האָט אָנגענומען דעם גיכן וואוקס פֿון דער פּאַלמע פֿאַר אַ באַווײַז פֿון גוטער האָדעוואַניע,

און ער האט שטאַרק שטאלצירט דערמיט.

— גיט נאר אַ קוק אויף Attalea,— פלעגט ער זאגן.— אַזעלכע וואוקסיקע עקזעמפלארן טרעפן זיך זעלטן אַפילו אין בראזיליע. מיר האבן אנגעווענדעט אַלע אונזערע ידיעות, אַבי די געוויקסן זאלן זיך אַנטוויקלען דא אין דער וואַרימשטוב פונקט אַזוי גוט ווי אויף דער פריי־הייט,— און מיר האבן, דאַכט זיך, דערגרייכט אַ שטיקל ערפאלג.

דערביי פלעגט ער אַ צופרידענער אַ קלאפ טאן מיט זיין שטעקל איבערן האַרטן בוים, און דער קלאפ פלעגט הילכיק אפקלינגען איבער דער אָראַנזשעריי. דער פאלמעס בלעטער פלעגן אַ ציטער טאן. אָ, ווען די פאַלמע וואלט קענען קרעכצן, וואסער צארנדיקן ווײ־געשריי וואלט דערהערט דער דירעקטאר.

—„ער מיינט, אַז איך וואַקס פון זיין פארגע־

ניגן וועגן,—פּלעגט זיך טראכטן Attalea—זאָל ער מיינען!"

און זי איז געוואַקסן, פאַרצערנדיק אַלע זאַפטן אירע בלויז אויף דעם, כדי אויסציען זיך וואָס העכער. ציטנווייז האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער שטח ביזן דאַך ווערט גאָרניט קלענער. דאַן האָט זי אָנגעשטריינגט אַלע אירע כחות. די ראמען האָבן זיך גענומען דערנענטערן אלין מער און מער, ביז איינמאָל האָט דער פּאַלמעס אַ יונגע בלאַט זיך אָנגערירט אָן קאלטן גלאָז און אייזן פון דער ראַם.

—קוקט נאָר, קוקט, וואו זי האָט זיך פאַר־קליבן!—האָבן זיך צורעדט די געוויקסן.—צי דען וועט זי זיך דערוועגן?

— ווי שרעקלאך זי איז אויסגעוואָקסן,— האָט געזאָגט דער פאפאָראטניק.

—איז וואָס, אַז אויסגעוואָקסן? פאראן וואָס

צוזען! אַט וועט זי ווערט אזוי דיק ווי איך!—האָט זיך אָפּגערופֿן די גראָבע ציקאַדע, וואָס האָט געהאַט אַ שטאם ווי אַ פֿעסל. — און וואָס צימ זי זיך אַזוי? אַלץ איינס וועט זי גאָרניט אויפֿטאָן; די גראַטעס זיינען פֿעסט און די שויבן—דיק.

ס'איז אַריבער נאָך אַ חודש. Attalea האָט זיך אַלץ געהויבן, ביז זי האָט זיך סוף כל סוף פֿעסט איינגעשפּאַרט אין די ראַמען. וואַקסן העכער איז ניט געווען וואו, דאַן האָט זיך דער שטאַם גענומען בויגן. זיין געבלעטערטע קאָפּ האָט זיך צוקנייטשט, די קאַלטע פרענטן פון די ראַמען האָבן זיך איינגעפּרעסן אין די צאַרטע יונגע בלעטער, זיי צושניטן און צוקאַלעטשעט; נאָר די פּאַלמע איז געווען פאַרעקשנט. זי האָט ניט געשאַנעוועט די בלעטער און אַלץ געשפּאַרט אויף די גראַטעס. און די גראַטעס האָבן זיך שוין גענומען נאָכגעבן, הגם זיי זיינען געווען פון פֿעסטן אייזן.

דער קליין גרעזעלע האט זיך צוגעקוקט צום דאזיקן קאמף, און ס׳האט אים פארכאפט דער אטעם פאר אויפרעגונג.

— זאגט מיר, צי דען טוט אייך ניט וויי? — האט ער געפרעגט דער פאלמע. — אויב די ראמען זיינען אזוי שטארק, איז אפשר ניט גלייכער אפצוטרעטן?

— ווי טאן? וואס פאר א באדייטונג האט דער ווייטאק, ווען איך וויל ארויסגיין אויף דער פרייהייט? און צי ניט דו אליין האסט מיר צוגעגעבן מוט דערצו? — האט געענטפערט די פאלמע.

— יע, כ׳האב אייך צוגערעדט, נאר כ׳האבן ניט געוואוסט, אז עס איז אזוי שווער. איך האב רחמנות אויף אייך. איר ליידט אזוי פיל.

— שווייג, דו שוואכע באשעפעניש! האב קיין רחמנות ניט! איך וועל שטארבן אדער זיך באפרייען!

און אין דער מינוט האט זיך דערהערט א הילכיקער קלאפ. עס האט געפלאצט א גראבע אייזערנע שטאנג. און ס'האבן זיך גענומען שיטן פון אויבן מיט א געקלאנג שטיקלאך גלאז. איין שטיקל האט געטראפן פונקט אין הוט פון דירעקטאר, וואס איז גראד ארויסגעגאנגען פון דער אראנזשעריי.

— וואס קומט דא פאר?—האט ער אויסגעשריען און איז פארציטערט געווארן, דערזעענדיק ווי אינדערלופטן פליען שטיקער גלאז. ער איז אפגעלאפן פון דער אראנזשעריי און האט א קוק געטאן אויפן דאך. איבערן גלעזערנעם געוועלב האט זיך שטאלץ דערהויבן די אויסגעלייכטע גרינע קרוין פון דער פאלמע.

—„דאס גאר,—האט געקלערט די פאלמע.— און דאס איז עס אינגאנצן, צוליב וואס כ'האב אזוי לאנג געליטן און זיך געמאטערט? און דאס

צו דערגרייכן איז עס געווען מיין העכסטער ציל?"

עס איז געווען שפעטער הארבסט, ווען Attalea האט זיך דורכגעבראכן א וועג צו דער פרייהייט. עס האט געטריפט א דראבנער רעגענדל, געמישט מיט שניי; גרויע קאלטענעוואטע וואלקנס האבן זיך, דורכן ווינט געטריבן, נידעריק געטראגן אינדערלופטן. דער פאלמע האט זיך געדאכט, אז אט פארשלינגען זיי איר. די בוימער זיינען שוין געשטאנען נאקעטע און האבן געהאט אן אויסזען פון העסלאכע מתים. נאר די סאסנעס און די יעגליעס זיינען געווען באדעקט מיט טונקל-גרינעם סכך. פאראומערט האבן די בוימער געקוקט אויף דער פאלמע. —"דו וועסט פארפרוירן ווערן"—האבן זיי ווי געזאגט צו איר.—"דו ווייסט ניט, וואס עס איז אזוינס דער פראסט. דו וועסט ניט קענען איבערטראגן. צוואס ביזטו פון דיין

ווארימשטוב ארוים?"

אטאַלעא האָט פֿאַרשטאַנען, אז עס איז געקומען איר סוף. זי האָט אָנגעהויבן צו גליווערן. אומקערן זיך צוריק אונטערן דאַך האָט זי שוין ניט געקענט. האָט זי געמוזט שטיין אונטערן קאלטן ווינט, פילן די שמיץ זיינע, וויִיטאָקן פֿון דער שניידיקער באַריִרונג פֿון די שנייעלאך, קוקן אויפֿן פֿארחושכטן הימל, אויף דער אָרימער נאַטור ארום, אויפֿן שמוציקן הינטערשטן הויף פֿון באָטאנישן גאָרטן, אויף דער לאַנגווייליקער גרויסער שטאָט, וואָס האָט זיך געזען דורכן נעפל. זי האָט געמוזט שטיין אַזוי לאנג, ביז די מענשן, וואָס זיינען געשטאנען אונטן אין דער אָראַנזשעריי וועלן ניט באשליסן וואס צו טאָן, מיט איר.

דער דירעקטאר האט געהייסן די פאלמע אונטערזעגן.„—מ'וואלט געקענט אפילו מאכן איבער

איר א באזונדער קאָלפּאַק,—האט ער געזאגט,— נאר אויף לאנג וועט עס זיין? זי וועט ווידער געמען וואקסן און איבעראניים צוברעכן אלצדינק. אגב וועט עס קאסטן צו טייער. לאמיר איר שוין אונטערזעגן.״

דער פּאלמע האט מען צוגעבונדן מיט גראבע שטריק, כדי זי זאל בעתן פֿאלן ניט צו־ברעכן די ווענט פֿון דער אראנזשעריי, און ני־דעריק, ביי די סאמע ווארצלען, האט מען איר אונטערגעזעגן. דער קליין גרעזעלע, וואס האט געהאט ארומגעוויקלט דעם שטאם אירן, האט זיך ניט געוואלט שיידן מיט זיין פריינט און איז אויך ארונטערגעפאלן אונטער דער זעג. ווען מען האט די פּאלמע ארויסגעשלעפּט פֿון דער אראנזשעריי, האט זיך ביים איבערגעבליבענעם פּיען אירן געוואלגערט צושאטקעוועטע פֿון דער זעג, צופּליקטע בלעטלאך און שטיינגעלאך.

— זאל מען ארויסרײַסן דעם שמוץ און ארויסוואַרפֿן,—האט באַפֿוילן דער דירעקטאר.— עס איז שוין גענוג געווארן, אגב האט די זעג עס אינגאנצן צוניִשט געמאכט. מ׳דארף דא פֿארזעצן עפּעס נײַס.

אײנער פון די גערטנער האט מיט א פֿליִנקן גראב פֿון רידל ארויסגעריסן א גאנצן הויפֿן גראז. ער האט עס אריינגעוואַרפֿן אין א קארב, ארויסגעטראגן אויפן הינטערשטן הויף און ארויסגעוואַרפֿן גלײַך אויף דער טויטער פאלמע, וואס איז געלעגן אין בלאטע שוין כמעט א פארשאטענע מיט שניי.—